## חלק יח בהעלותך ה'

[ס"א: "בשביל שעה אחת שנתעכבה" הדיוק בזה-נת' בהת' ש"פ יתרו תשמ"א סס"ט]

[ס"ד: "דער אויבערשטער האט געזאגט תסגר שבעת ימים מחוץ למחנה" – להעיר משיחת שמות תשל"ו ס"א.]

ס"ה: 'בדד ישב' שלילה או חיוב: ראה בזה בחלק כ"ב ע' 73-74 (יחס המצורע לשאר טמאים ומצורעים). ובח"ז ע' 101 (נסמן בהע' 54).

(הערה 38: קדושת מחנות ויישובה – להעיר מלעיל חי"ח ע' 14 *כעי"ז* (חניית לוים בלי עבודה)

הערה 39[1]: גר בזמה"ז אין קרבנו מעכב – ראה גם חכ"ו משפטים ג'.

ס"ט: 'הכל בידי שמים חוץ מיר"ש' בפנימיות הענינים: ראה 'הדרן על הש"ס' תשמ"ט ס"כ. ובכ"מ.

[1] https://drive.google.com/file/d/1imBI8B-uR79JlzUHr-WIvSdyOYmGLn7n/view

לתגובות והערות
sichaharchovo@gmail.com

סט. כאמור לעיל, אז מ'זעט וואס מ'קען ארויסנעמען פון פרש"י בשעת מ'קוקט זיך צו - איז דא נאך אן ענין וואס מ'קען ארויסלערנען פון דער רש"י:

עם שטייט בא מרים[216] "ותתצב . . מרחוק לדיעה מה יעשה לו",

וואס לכאורה איז ניט קלאר (בא א בן חמש למקרא אין פשוטו של מקרא, משא"כ אין גמ'[217] שטייט יע) - וויפל צייט איז מרים דארטן געשטאנען - א מינוט צי א טאג צי א האלבן טאג?

איז בשעת מ'קומט צו אונזער פירוש רש"י - קען מען ארויסנעמען וויפל צייט מרים איז געשטאנען:

בשעת מרים איז געווען מצורעת שטייט[218] "ותסגר מרים מחוץ למחנה שבעת ימים והעם לא נסע עד האסף מרים",

וואס דאס וואס מ'איז ניט געפארן ביז זי איז געזונט גווארן איז - צוליב דער צייט וואס זי האט געווארט צוליב משה'ן ווען ער איז אריינגעווארפן געווארן אין יאור, ווי ס'שטייט "ותתצב אחותו מרחוק וגו'",

איז בשעת מ'לערנט דעם פרש"י דא, אז "מדה טובה יתירה על מדת פורעניות אחת על חמש מאות" - פארשטייט מען אז די צייט וואס מ'האט אויף איר געווארט איז געווען פינף הונדערט מאל די צייט וואס זי האט געווארט צוליב משה'ן.

דערפון קומט אויס, אז הגם דעם ענין שרייבט רש"י ניט ספעציעל - בשעת מ'קומט אבער צו אונזער פסוק, פארשטייט מען פון רש"י בדרך אגב אז די צייט וואס מרים האט געווארט צוליב משה'ן איז געווען א פינף הונדערט טייל פון זיבן טעג.

ע. דער ביאור אין דעם פרש"י אויף "אלה הדברים" - "לא פחות ולא יותר":

מ'האט געלערנט עטלעכע פסוקים לפנ"ז אז דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משה'ן "כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל", און רש"י איז דארטן מפרש "לבית יעקב - אלו הנשים תאמר להן בל' רכה", "ותגיד לבני ישראל - עונשין ודקדוקין פרש לזכרים, דברים הקשין כגידין".

וואס לכאורה עפ"ז איז דא אן ארט צו זאגן אז בשעת משה וועט רעדן מיט "בני ישראל" (מיט די אנשים) וועט ער <u>מוסיף</u> זיין אויף דברי ה', ווארום ער האט דאך דעם ציווי צו רעדן מיט זיי "דברים הקשין כגידין", אבער בשעה ער וועט

- רעדן -

------------

216) שמות ב, ד. 217) סוטה ט, ב. במשנה (ובגמרא שם יא, א). 218) בהעלותך יב, טו.



<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

קשה"; איז וואס איז דער ק"ו "ואיך ישמעני פרעה" - ביי פרעה איז דאך ניט געווען קיין קצר רוח און עבודה קשה?!

נאר דער ק"ו איז מערניט ווי אויף איין פרט. והביאור: עה"פ "לכו לסבלותיכם" (שמות ה, ד) זאגט רש"י "מלאכה שעבוד מצרים לא היתה על שבטו של לוי" (עד"ז איז אויך מובן אז ביי די נשים וילדים איז אויך ניט געווען דער ענין פון שעבוד מצרים - אבער דאס שטייט ניט בפירוש אין רש"י) - וואס עפי"ז איז מובן אז דער ק"ו איז עכ"פ פון שבט לוי, וואס ביי זיי איז ניט געווען "קצר רוח" און "עבודה קשה", ואעפ"כ "לא שמעו אלי", איז ק"ו אז "ואיך ישמעני פרעה" - וואס דערפון זעט מען אז ס'איז דא א ק"ו וואס האט א פירכא, און דער ק"ו איז מערניט ווי אויף איין פרט (שבט לוי), איז עד"ז אויך בנדו"ד, אז דער ק"ו איז מערניט ווי אויף שאר השבטים כנ"ל.

וואס דערפאר איז בשעת מ'קומט אין פ' וארא און מ'לערנט דעם ק"ו, ווערט נתעורר די קושיא, אז דאס איז א ק"ו וואס האט אויף זיך א פירכא - וואס דערפאר דארף רש"י זאגן "זה אחד מעשרה ק"ו שבתורה". ער דארף אבער ניט זאגן "וכולן מצויין בב"ר" - ווייל רש"י פארלאזט זיך אז דער בן חמש למקרא געדיינקט דאס פון פ' מקץ.

לא. עד"ז בנוגע צום ק"ו "ואבי' ירק ירק בפני' וגו'" - איז דא אויף דערויף א פירכא:

בשעת אז אבי' ירק ירק בפני' - איז וויבאלד אבי' געפינט זיך בהוך המחנה. איז מובן אז זי דארף זיין מחוץ למחנה, כדי זי זאל ניט זיין צוזאמען מיט אבי', וויבאלד אז ירק ירק בפני'. וואס דאס איז שייך נאר בנוגע צו אבי', וואס ער געפינט זיך בהוך המחנה, און ניט מחוץ למחנה, איז בשעת מ'וועט איר ארויסשיקן מחוץ למחנה, וועט זי ניט זיין צוזאמען מיט אבי';

משא"כ אבער בנוגע צום אויבערשטן - איז דאך לכאו' ניט שייך דער גאנצער ענין פון ארויסשיקן מחוץ למחנה, ווארום דער אויבערשטער געפינט זיך דאך אויך מחוץ למחנה, איז וואס וועט אויפטאן אז מ'וועט איר ארויסשיקן מחוץ למחנה?!

בפשש"מ איז דאס אבער ניט קיין קושיא: ווארום בפשטוה איז דער טעם אויף דעם וואס מ'דארף איר ארויסשיקן מחוץ למחנה, איז דאס ניט כדי זי זאל ניט זיין צוזאמען מיט אבי', נאר דאס איז אן ענין של עונש - ובמילא איז מובן אז דאס איז אויך שייך בנוגע צום אויבערשטן (ניט נאר בנוגע צו אבי'), וויבאלד אז דאס איז אן עונש.

און וויבאלד אז בפשש"מ איז דאס ניט קיין קושיא - דארף דאס רש"י ניט באווארענען, וואס דערפאר זאגט ניט רש"י "זה אחד מעשרה ק"ו שבתורה" (און דאס וואס רש"י דערמאנט אז דאס איז א ק"ו, איז דאס נאר דערפאר וואס ער דארף זאגן "דיו לבא מן הדין להיות כנדון" כנ"ל סכ"ח).

לב. עד"ז איז דא נאך א ק"ו פון די עשרה ק"ו שבהורה. וואס דאס איז אין פ' וילך (לא, כז): "הן בעודני חי עמכם היום ממרים הייתם עם ה' ואף כי אחרי מותי". וואס אויף דעם ק"ו איז אויך דא א פירכא:

לכאו' איז דא א סברא להיפך, אז לאחרי מותו וועלן זיי ניט זיין קיין ממרים - ווי די גמ' (סנהדרין לז, א) דערציילט "הנהו בריוני דהוה בשבבותי' דר' זירא דהוה מקרב להו כי היכי דניהדרו להו בתיובתא . . כי נח נפשי' דר' זירא, אמרי האידנא הוה . . בעי עלן רחמי, השתא מאן בעי

- עלן -



הנחת הת' בלתי מוגה

און אויך דער הסגר פון דעם מצורע עצמו, וואס ווערט געטאָן אין אַן אופן ש„יהי' מובדל ומפורסם לבדו", „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו"[38], איז מיט דער מטרה אַז דאָס זאָל אויף אים פועלן „שלא יתעסק בשיחת הרשעים שהוא הליצנות ולשון הרע".

ד. ועפ"ז י"ל אַז מהאי טעמא ווערט די פרשה אָנגערופן „תזריע": תזריע איז די התחלת הלידה פון חיים חדשים, כנ"ל ס"א (ע"ד ווי זריעה באַ תבואה ופירות — אַז דערפון זאָל נאָכדעם קומען אַ נייע צמיחה) —

אַזוי איז דער תוכן ענין הנגעים פון פ' תזריע: סיי דער נגע עצמו און סיי דער הסגר והחלט פון דעם מצורע וואָס ער איז „מובדל ומפורסם לבדו" זיינען ניט (נאָר?) בתור עונש והעדר הטוב פאַר דעם מצורע כנ"ל, נאָר פרטים און מיט־לען אין דעם תיקון (אין דער היילונג) פון דעם מצורע, אַז ער זאָל אַריין אין אַ סדר פון חיים חדשים און ניט האָבן קיין שייכות מיט „שיחת הרשעים שהוא הלי־צנות ולשון הרע".

און וויבאַלד אַז ענינה של תורה איז — הוראה, איז מובן, אַז פון פרשת נגעים איז דאָ אַ הוראה[39] אויף אַלע עונשי התורה, אַז ענינם איז אַ פעולה מיוחדת פון דעם אויבערשטן צו מתקן זיין דעם אידן, ער זאָל גיין בדרך הישר.

פאַרוואָס ווערט דאָס אָנגעוויזן און געזאָגט דוקא באַ מצורע?

הייות אַז ער איז חשוב כמת (און בגילוי איז טומאת מצורע פון די טומאות הכי חמורות[40], זיין עונש — בדד ישב מחוץ למחנה מושבו — איז פון די עונשים הכי חמורים[41]).

און פון דעם לערנט מען אָפּ אויך בנוגע די אַנדערע עונשים, אַז זיי זיינען אַ התחלה ופרט פון דעם תיקון האדם,

אַזוי ווי דער ענין הנגעים, מיט די ימי הסגר והחלט, זיינען אַן ענין פון „תזריע" (אַז דער כמת זאָל ווערן אַ ברי' חדשה).

ה. ויש לומר, אַז פון דעם קומט אַרויס אויך אַ נפק"מ להלכה:

דעם[42] דין באַ מצורע, אַז „כל ימי אשר הנגע בו יטמא כו' בדד ישב מחוץ למחנה מושבו"[38], קען מען מגדיר זיין אין צוויי אופנים — אַז דאָס איז אַ דין ע"ד ווי באַ אַנדערע טמאים (זבים וזבות וטמאי מתים) וועלכע טאָרן ניט זיין בתוך מחנה שכינה אָדער מחנה לוי', עד"ז דאַרף אַ מצורע, מצד חומר יותר בטומאתו, זיך געפינען מחוץ לג' מחנות, אויך מחוץ למחנה ישראל (ובמילא איז „בדד ישב גו'")[43]; אָדער אַז די אזהרה „בדד ישב מחוץ למחנה" איז אַ דין מיוחד באַ מצורע דוקא, ניט (נאָר) פאַר־בונדן מיט זיין טומאה, נאָר (אויך) מיט ענינו המיוחד ומשונה פון שאר הטמאים.

---

38) יג, מו.

39) להעיר שבחינוך (מצוה קסט) כ' בשרשי המצוה (דנגעים — „לטמא אדם מצורע . . שיבוא אל הכהן") „לקבוע בנפשותינו כי השגחת הקב"ה פרטית על כ"א מבני אדם כו'". עיי"ש.

40) דמחוץ למחנה מושבו, מחוץ לג' מחנות, משא"כ שאר טמאים (ראה תו"כ ורש"י פרשתנו שם. פסחים סז, א — הובא בפרש"י נשא ה, ב).

41) וכמכש"כ מצער גלות שהוא „שקול כמעט כצער מיתה שנפרד האדם מאוהביו כו' ושוכן כו' עם זרים" (חינוך מצוה תי), ויותר מזה במצורע „בדד ישב". ולהעיר מפירוש הראב"ד לתו"כ שם — שיהא כמנודה כו'. וראה לקמן הערה 49.

42) בכל הבא לקמן — ראה לקו"ש חי"ח ע' 135 ואילך. וש"נ.

43) מקומות שבהערה 40.

לכאורה איז ביי מצורע דאָ צוויי באַזונדערע סוגי דין: א) דער דין כללי פון טמאים וועלכע שטייט אין פ' נשא[44]: „וישלחו מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש". און דער טעם איז „ולא יטמאו את מחניהם"[45] (צוליב די מחנות), וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט דער טומאה פון מצורע; און ב) דער ציווי „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו" אַ דין מיוחד באַ מצורע, וואָס איז נוגע עם, לטהרתו (ניט (נאָר) אַלס הרחקה מהמחנות מצד טומאתו).

ויש לומר, אַז צווישן די צוויי דינים זיינען דאָ כמה נפק"מ, ומהם:

א) ביי דעם דין הכללי „וישלחו מן המחנה" איז נוגע די שלילה, ער זאָל ניט זיין אין דער מחנה („ולא יטמאו את מחניהם" (ובמילא — כשבטלו מחנות איז ער אויך דעמאָלט ניט במחנה)); משא"כ אין דעם דין „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו" איז נוגע דער חיוב — אַז ער זאָל זיין בדד מחוץ למחנה — ובמילא אויב עס האָט זיך (מאיזו סיבה שתהי') ניט אויסגעפירט ביי אים דער ענין פון „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו" (— ווען ס'איז ניטאָ קיין מציאות פון מחנות כנ"ל וכיו"ב), דאַרף אויסקומען, אַז ער קען דעמולט ניט קומען לטהרתו. וכמבואר במ"א[46].

ב) מצד דעם דין, אַז ער דאַרף זיין מחוץ לג' מחנות, דאַרף אויסקומען, אַז די אזהרה „בדד ישב לבדו ישב שלא יהו טמאין אחרים יושבין עמו"[47] איז בלויז שולל אַן אַנדער סוג טמאים (טמאי מת, זבים וזבות) אָבער ניט מצורעים[48]: דאַקעגן מצד דעם חיוב פון „בדד ישב", דאַרף זיין „בדד" אויך פון אַנדערע מצורעים[49]: דוקא דעמאָלט ווערט ביי אים נתקיים „ויהי' מובדל ומפורסם לבדו"[50], און נאָר אַזוי ווערט באַווארנט „שלא יתעסק בשיחת הרשעים" (משא"כ כשנמצא עם מצורעים ובפרט — רק עמהם — ה"ז פועל להיפך!).

ו. כשם ווי דאָס איז אין פשוטם של הענינים וע"ד ההלכה — אַז נגעים איז אַן אות און אַ וואַרנונג אַפּצוהיטן אַ אידן פון לשון הרע, און אַז אויב ער איז נאָך ווייטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם ביז אַז „משתנה עורו ויצטרע", ווערן געטאָן פעולות „בדד ישב גו'" אים צו היילן און אָפּשיידן פון שיחת הרשעים כו' —

עד"ז (און נאָך מער) איז עס מודגש בפנימיות הענינים:

ס'איז מבואר אין לקו"ת[51], אַז דאָס וואָס ביי נגעים שטייט[52] „אדם כי יהי' בעור בשרו גו'" — דער תואר אדם וואָס

44) ה, ב.

45) שם, ג.

46) ראה בארוכה לקו"ש שם.

47) פסחים סז, א. וראה גם שאר המקומות שבהערה 40.

48) כפשטות הפירוש בדברי ר"י פסחים שם.

49) כן הוא לפי' הראב"ד בתו"כ שם. ולכאורה כן מובן מרש"י ד"ה בדד ישב (יג, מו) שמבאר בהמשך פירושו „מה נשתנה משאר טמאים לישב בדד כו'", דהיינו לבדו ממש — דאילו זה שמושבו חוץ לג' מחנות מפרש רש"י בד"ה שלאח"ז שזהו פי' ד„מחוץ למחנה — חוץ לשלש מחנות". אבל ראה רא"ם ועוד בפרש"י ובשאר מפרשי התו"כ. וראה צפע"נ עה"ת שם דמביא מכ"מ דמצורעים יושבים ביחד. וראה גם מ"ב ז, ג (הפטרת פרשתנו): וארבעה אנשים היו מצורעים גו' ויאמרו איש אל רעהו גו' (אלא שזהו גיחזי ובניו שמחוייבים לכבדו וכו').

50) לכאורה כן משמע מלשון הרמב"ם הנ"ל בפנים. וראה רמב"ם שם פי"ה ה"ז.

51) תזריע כב, ב. וראה גם סד"ה אדם כי יהי' תרס"ו, תרע"ה (בהמשך תער"ב). וראה גם אלשיך פרשתנו שם. וראה לעיל ע' 65 ואילך.

52) תזריע יג, ב.

מחוץ למחנה, איז ער מלכתחילה כלל ניט מחוייב צו דערווייטערן זיך. ער מוז טאַקע אַרויסגיין מחוץ לג׳ מחנות — אָבער ער מעג פאַרבלייבן גאַנץ נאָענט צום גבול פון מחנה ישראל[12]. און וויבאַלד אַז דער לשון „והובא״ גייט אויף יעדן מצורע, ניט דוקא אויף אַזאַ וואָס איז אַוועק ווייט פון קצה המחנה, נאָר אויך אויף דעם וואָס געפינט זיך לעבן מחנה ישראל — פאַסט דאָך ניט אויף אים דער לשון „והובא״.

ג. איז דער ביאור אין דעם — בפנימיות הענינים:

רש״י[13] זאָגט דעם טעם פאַרוואָס אַ מצורע דאַרף זיין „בדד״, ווייל „הבדיל בלשון הרע . . בין איש לרעהו אף הוא יהא[13*] נבדל״[14].

ועפ״ז יש לומר, אַז דאָס וואָס דער מצורע דאַרף זיך געפינען „מחוץ לשלש מחנות״, אַפילו חוץ פון מחנה ישראל, איז עס מצד דעם וואָס ער האָט אַ שייכות צו (קליפת מדין[15], מלשון מדון ומריבה[16] (וואָרום כנ״ל, „הבדיל כו׳״), און דאָס איז דער היפך פון כללות ענין הקדושה (וואָס ענינה[17] איז אחדות והתכללות)[18]; און דעריבער קען ער זיך ניט געפינען אַפילו אין מחנה ישראל — די נידעריקסטער מדריגה פון מחנות הקדושה.

[נאָך מער: כשם ווי ס׳זיינען פאַראַן ג׳ מחנות אין קדושה, אַזוי זיינען אויך פאַראַן ג׳ דרגות (מחנות) אין „לעומת זה״ להבדיל — וכמש״נ: וישלחו[19] מן המחנה כל צרוע וכל זב וכל טמא לנפש. אין זיי זיינען דאָ „טמאים אחרים״ און מצורע — איז דער דין: בדד ישב — שלא יהיו טמאים אחרים יושבים עמו[20] דער מצורע דאַרף זיין מחוץ אַפילו פון די מחנות טמאים אחרים.

און דער טעם דערויף איז: די וואָס ריידן לשון הרע, קומען סו״ס „לדבר[21] באלקים וכופרין בעיקר״[21*]. ובמילא, זיינען זיי נאָך ערגער אַפילו פון ס״א וקליפה הנקראת ע״ז, וואָס זיי זיינען מודה אין דעם אייבערשטן נאָר זיי רופן אים[22] „אלקא דאלקייא״[23]].

---

12) יתרה מזו: כיון שבדד ישב מחוץ למחנה מושבו ענינו עונש (צער), בטח ישתדל למעט בהבדידות ע״י שיהי׳ מושבו בקירוב האפשרי.

13) תזריע יג, מו. מערכין טז, ריש ע״ב.

*13) כ״ה בדפוס ווילנא תרנ״ב. בדפוס ראשון: נבדל. בכמה דפוסים: יבדל. (בהשמטת תיבת „יהא״).

14) ואף שרק מעיירות מוקפות חומה משלחין אותו (כלים פ״א, מ״ז) — הרי נבדל ונשתנה עי״ז משאר טמאים.

15) להעיר מלקו״ת תזריע כג, ד ובאוה״ת שם (כרך ב׳) ע׳ תקל.

16) ראה זח״ב סח, א. ובל״ת ובס׳ הלקוטים ד״פ יתרו (הובא במק״מ לזהר שם): מדין . . בקדושה הוא אהבה ובקליפה איבה ומריבה.

17) ראה גם תניא פרק לב.

18) לקו״ת מטות פה, ד. ד״ה החלצו תרנ״ט פ״ג ואילך. פי״ז. ד״ה איתא בזח״ג — נדפס בהוספה לד״ה החלצו הנ״ל (ובסה״מ תרנ״ט ע׳ ריא).

19) נשא ה, ב.

20) פסחים סז, א. תו״כ (הובא בפרש״י) תזריע שם.

21) רמב״ם סוף הל׳ טומאת צרעת.

*21) השייכות להנ״ל — בפנים — שנשלח מחוץ כו׳ מפני שייכותו לקליפת מדין — מובנת עפמש״נ: נקמת ה׳ במדין, שמדין הוא ממש נגד בחי׳ שם הוי׳ (בהנסמן בהערה 18).

22) סוף מנחות (לענין אוה״ע — והרי חיותב הוא מגקה״ס). ובתניא פכ״ד, שגם קליפת ע״ז עצמה „יודעת את רבונה כו׳״. עיי״ש.

23) בתניא שם, שמטעם זה „האדם העובר על רצונו ית׳ הוא גרוע ופחות מהס״א והקליפה הנקראת ע״ז״ — העובר סתם

כיון שהתורה (מצד עצמה), חכמתו של הקב"ה, היא "אמת" (סתם), ודוקא ישראל שהם בניו של הקב"ה, דשרש הבן הוא בעצמות האב[98], ממשיכים הבחינה ד"אמת לאמיתו".

אמנם, הגילוי ד"אמת לאמיתו" שע"י פעולת ההלכות בעולם באופן שהעולם מצד עצמו רוצה ודורש להיות כפי הוראת התורה (כמו שיתגלה לע"ל[97]), שאינו מוגדר בשום גדר כלל (שלכן ביכלתו להפוך את העולם גופא) — יש לומר, שענין זה "נעשה" כביכול ע"י עבודתם של ישראל, כלומר, שלפני עבודתם אין זה בגילוי גם למעלה, ורק ע"י עבודתם של ישראל נעשה כביכול הגילוי דבחינה זו (גם למעלה).

וע"ד הידוע[99] בפירוש מארז"ל[100] "הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" — ששרש היראת שמים הוא בבחי' "סתימו דכל סתימין" שאינו מתגלה גם למעלה בשמים (אינו "בידי שמים"), וכל עיקר המשכתו הוא ע"י האדם.

[ויש לומר, דשני ענינים אלו מצינו (דוגמתם) גם בפסקי הלכות:

(א) הכח לפסוק הלכות ניתן דוקא לישראל. ד"אין משגיחין בבת קול", ויתירה מזו "נצחוני בני נצחוני"[101]. אבל אעפ"כ, מכיון שהפס"ד דהב"ד הוא עפ"י כללי התורה, ה"חידוש" של "נצחוני בני" הוא שביכלתם דוקא לגלות ההלכה שישנה בהעלם בתורה[102]. והטעם לזה (שבכחם דוקא לגלות ההלכה) הוא מפני שהם בניו של הקב"ה[103], "נצחוני בני נצחוני".

(ב) בכח ב"ד לעשות גם "שלא כפי התורה"[104], כמו בקידוש החודש דכתיב בי' "אשר תקראו אתם" "אתם אפי' שוגגין אתם אפי' מזידין"[105], ו"יש לב"ד לעקור . . לפי שעה . . אפי' דברי תורה"[106] — ענין של חידוש ממש (שאינו כביכול בתורה אפילו בהעלם[107]), כי השורש דישראל הוא למעלה מהתורה[108]].

98) ראה לקמן הערה 103.

99) לקו"ת במדבר טו, א־ב.

100) ברכות לג, ב. ושי"נ.

101) ב"מ נט, ב.

102) דזה שאין אנו משגיחין בבת קול (הוא מפני) "שכבר כתבת בהר סיני בתורה".

103) וע"ד "יפה כח הבן מכח האב" (שבועות מח, סע"א. ושי"נ), שהטעם לזה הוא מפני ששורש הבן הוא בעצם נפש האב, ובעצם נפשו, הרי האב שלם בכל כחותיו. וזהו הפירוש "יפה כח הבן מכח האב", דגם זה ש"יפה כח הבן" הוא "מכח (העצמי של) האב", ועד"ז בישראל, בניו של הקב"ה, ששרשם הוא בעצמותו ית' (למעלה מכמו שצמצם את עצמו בתואר "קוב"ה"), ולכן "קוב"ה קא חייך ואמר נצחוני בני נצחוני". וראה לקמן הערה 108.

104) כ"ה הלשון בהמשך תער"ב שבהערה 107.

105) ר"ה כה, א. רמב"ם הל' קידוה"ח ספ"ב.

106) רמב"ם הל' ממרים פ"ב ה"ד. וראה גם הל' סנהדרין פכ"ב ה"ד ואילך.

107) דאף שגם זה (שיש בכח ב"ד לעשות כן) הוא דין בתורה — הרי תוכנו של דין זה הוא שבכח ב"ד לעשות (לצורך השעה) שלא כפי התורה.

והא שגם זה הוא דין בתורה, הוא לפי שגילוי כל ענין (גם הגילוי דשורש ישראל הוא למעלה מהתורה) הוא ע"י התורה, תורה־אור. ראה המשך תער"ב ח"ג ע' איתח.

108) המשך תער"ב שם (וראה שם ע' א'תג). וי"ל שענין זה שבישראל הוא למעלה גם מבחי' בן, דהגם שגם השורש דבן הוא בעצמות האב (כנ"ל הערה 103) — הרי כללות הענין ד"אב" (כולל גם עצמות האב) הוא תואר*, ולכן זה ש"נצחוני בני" הוא רק שמגלים את ההלכה שישנה בתורה בהעלם (כנ"ל בפנים), משא"כ זה שבכח ב"ד לעקור (כביכול) ד"ת הוא לפי שהשורש דישראל הוא בעצמותו ית' שלמעלה גם מהתואר "אב".

*) משא"כ בעצמותו ית' שלמעלה מתואר "אב" (קהלת ד, ח) "גם בן גו' אין לו".